נישט צו נאַר געמאַכט די חכמה פון דער וועלט?
21 וואָרום אַזוי ווי אין דער חכמה פון ג־ט האָט די
וועלט נישט דערקענט ג־ט דורך חכמה, האָט ג־ט
באַוויליקט דורך דער נאַרישקייט פון דרשנען צו
22 ראַטעווען די, וואָס גלויבן. און בעת יידן פאַרלאַנגען
23 אותות און גריכן זוכן חכמה, רופן מיר אויס אַ משיח
אַ געקרייציקטן, פאַר יידן טאַקע אַ מכשול, און פאַר
24 גריכן אַ נאַרישקייט; אָבער פאַר די גערופענע אַליין,
סאַי יידן סאַי גריכן, משיח די גבורה פון ג־ט און די
25 חכמה פון ג־ט. ווייל ג־טס נאַרישקייט איז קליגער
ווי מענטשן; און ג־טס שוואַכקייט שטאַרקער ווי
מענטשן.
26 וואָרום איר זעט (דאָך) אייער באַרופונג, ברידער,
אַז עס איז נישטאָ (צווישן אייך) קיין סך חכמים
לויט דעם פלייש, נישט פיל מעכטיקע, נישט פיל
27 איידעלע; נאָר די נאַרישע זאַכן פון דער וועלט
האָט ג־ט אויסדערוויילט, כדי צו פאַרשעמען די
חכמים; און די שוואַכע זאַכן פון דער וועלט האָט
ג־ט אויסדערוויילט, כדי צו פאַרשעמען די שטאַרקע;
28 און דאָס נישט איידעלע פון דער וועלט, און דאָס
פאַראַכטעטע האָט ג־ט אויסדערוויילט, אַפילו דאָס,
וואָס איז נישט, כדי מבטל צו זיין דאָס, וואָס איז יאָ;
29 אַזוי, אַז קיין בשר (ודם) זאָל זיך נישט באַרימען
30 פאַר ג־ט. פון אים אָבער זענט איר אינם משיח
ישוע, וועלכער איז פאַר אונדז געוואָרן חכמה פון
31 ג־ט, און צדקות און קדושה, און גאולה; כדי, ווי
עס שטייט געשריבן: ווער עס באַרימט זיך, דער
זאָל זיך באַרימען אינם האַר (ג־ט). (ירמיהו ט, כג).